## **אַ וואָרט וועגן מענטשן אין אַן אַלטן ספֿר**

כאָטש פֿרילינג, איז געגאַנגען אַ שניי און אַ רעגן,
איבער די זיילן פֿון דער נאַכט האָט ווי אַ קאַץ געקלעטערט
דער טרויער און געשראָקן אַלע וועגן.
איך בין געזעסן אַליין, אַן אַלט ספֿר געבלעטערט.

האָט אַ וואָרט איבער דורות זיך צעגלאַנצט, ווי אַ קרוין
אין מיין שטוב, אַ שטאָלץ וואָרט כאָטש אַן אַלטס,
נאָר איך בין נישט אַנטקעגנגעגאַנגען דעם טרוים
מיט אַ זילבערנער טאַץ, מיט ברויט און מיט זאַלץ.

און נישט געגליט האָט דאָס וואָרט, ווי אַ בליץ דורך מיין שלאָף,
און אין דער פֿרי איז עס נישט מיר צוקאָפּנס געזעסן
מיט מעסערס אין די אויגן אויף משפּט און שטראָף,
ס'האָט נישט ווי שוועבל געגריזשעט אין מיינע מעת-לעתן.

איך האָב מיטגעפֿרילינגט אין טאַנץ פֿון דעם טאָג,
געשריבן פֿרייד מיט מיין שטעקן אויף וואַרעמען זאַמד ;
אין מיין פֿרישטיק האָט זיך נישט אַרייַנגעטריפֿט קלאָג,
אַז צעבלוטיקטער ייִד האָט זיך געשאַרט ביי דער וואַנט

שווער און בלינד ווי אַ וואָלקן און טרעפֿט ניט צו זיין הויז,
אַז געלעכטער קרייזלט זיך אין די האָר פֿון די שלעגער,
אַז מיין גאַס אַנטלויפֿט שנעל און קליין ווי אַ מויז.
און אין פּאַרק שטייען די ביימער ווי ביקסן פֿון יעגער...

נישט דער פֿרימאָרגן, נישט דער מיטאָג האָבן זיך נישט פֿאַרשעמט
און די זון האָט זיך גאָלדיק געטורעמט אין שטאָט.
און נישט אין זון, נישט אין בוים, נישט אין מיר האָט געברענט
דאָס אַלט-ספֿר-וואָרט : "מענטש איז אַ שטיק גאָט"...

---

**24.6.1938, פּאָלקסצײַטונג** ז. 7 .